Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 2 | Łódź, Niedziela 3 stycznia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאָדז, זונטאג, כ"ד טבת תרצ"ב | № 2

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# צ.ק. פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

## וועגען אַרויסטריט פון די רעוויזיאָניסטען

וואַרשאַ, 2 (י. ט. א. טעלעפאָניש). דער צ. ק. פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע האָט פערעפנטליכט א קאָמוניקאַט וועגען אַרויסטריט פון די רע-וויזיאָניסטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין קאָמוניקאַט ווערט בעזאָגט:

מיט א חודש צוריק האָט „עת לבנות" זיך געווענדעט צום צ.ק. וועגען אָפּלעגען דעם 10-טען לאַנד-צוזאַמענפאָהר ביז ס'וועט אויפגעקלערט ווע-רען די שטעלונג פון די רעוויזיאָניסטען. דער צ.ק. האָט איינגעשטימט מיט דער ווענדונג פון „עת לבנות" און דעם טערמין פון דעם צוזאַמענפאָהר אָפּגעלעגט.

אויפ'ן לעצטען צוזאַמענפאָהר פון די רעווי-זיאָניסטען, איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע אַרויסצוטרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. א גרופּע מענשען, וואָס זענען געווען אויף דער רעוויזיאָניסטישער קאָנפערענץ, וועלכע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז טייער און פערשטע-הען די וויכטיגקייט פון ווייטער פערבלייבען אין דער ציונ. אָרגאַניזאַציע, האָבען זיך געווענדעט צום צ. ק. אז זיי ווילען בלייבען א בעשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַנ'אַנדערע גרופּע האָט זיך געווענדעט צום צ. ק. מיט דער ביטע זיי צו ערמעגליכען דעם אַנטייל אין 10-טען לאַנד-צוזאַמענפאָהר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און צו פּראָלאָנגירען די רעגיסטראַציע. דער צ. ק. האָט בעשלאָסען די רעגיסטראַציע צו פּראָלאָנגירען ביז'ן 7-טען יאַנואַר. דער צ. ק. גלויבט, אז אַלע רעוויזיאָניסטען, וועלכע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז טייער, און אויך די מיטגלידער פון „עת לבנות", וועלכע האָבען זיך נאָך ביז איצט נישט רעגיסטרירט, וועלען זיך בעטייליגען אין 10-טען לאַנד-צוזאַמענפאָהר

**DYREKCJA**

**Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Spółki Akcyjnej,**

**(ELEKTROWNIA ŁÓDZKA)**

zawiadamia swoich odbiorców energji elektrycznej, iż od dnia 2 stycznia 1932 r. wydawane będą personelowi, spełniającemu czynności służbowe na mieście

**legitymacje koloru żółtego z fotografjami,**

zaopatrzone w pieczęcie oraz plomby firmowe i podpisy Dyrekcji. Legitymacje te zawierają wyszczególnienie funkcyj służbowych oraz są ważne do końca 1932 roku. Dotychczasowe legitymacje zostały unieważnione.

PP. Odbiorców energji elektrycznej uprasza się o żądanie okazania legitymacji służbowej przed rozpoczęciem czynności przez funkcjonarjusza elektrowni.

Na niniejsze rozporządzenie Dyrekcja Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp. Akc., specjalnie zwraca uwagę PP. Odbiorców, nadmieniając, że za nadużycia osób, niezaopatrzonych w legitymacje Towarzystwa, nie przyjmuje na siebie żadnej odpowiedzialności.

**שניידער-צעך אויף דער שטאָט לאָדז, פּיעטר. 20.**

מיר מאַכען בעקאַנט, אז מאָנטאַג דעם 11-טען און דינסטאַג, דעם 12-טען יאַנואַר ד. י., 6 אזייגער אין אָוונט צום ערשטען טערמין און 8 30 אין אָוונט צום צווייטען טערמין, וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל, פּיעטריקאָווער 20 די

**אַלגעמיינע פערזאַמלונג**

מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) איבערליינען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַל-געמיינער פערזאַמלונג, 3) טעטיגקייטס בעריכט, 4) קאַסע-בעריכט, 5) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 6) קריטיק איבער'ן בעריכט, 7) אויסשליסען מיטגלידער, 8) בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1931/32, 9) וואַהלען פון א סטאַרשי, 10) וואַהלען פון פאָדסטאַרשי'ס, 11) וואַהלען פון א פערוואַלטונג, פערטרע-טער אין רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 12) גמילות-חסדים קאַסע, 13) בעריכט פון האַנדווערקער-קאָנגרעס, 14) די לאַגע אין פאַך, 15) שטייער-ענינים, 16) הילפס-אַקציע, 17) פרייע פאָרשלאַגען.

צוליב דער וויכטיגקייט פון טאָג-אָרדנונג, בעטען מיר אַלע אונזערע מיטגלידער אַנטיילצונעהמען אין דער פערזאַמלונג. די פער-וואַלטונג.

**ד"ר ס. וואָלפסאָן**

[illegible]

נאַרוטאָוויטש 2

טעלעפאָן 128-83

נעמט אָן פון 5 – 7 אָוונט

**קרן קימת לישראל** | **פילהאַרמאָניע - זאַל**

בלאָדז | נאַרוטאָוויטש 20

מיטוואָך, דעם 6 יאַנואַר, 8.15 אָוונט

**גראַנדיעזע יובילעאום - אַקאַדעמיע**

(50 יאָהר חבת-ציון-בעוועגונג און 30 יאָהר קרן-קימת)

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען: דער בעקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער

**א. דרויאַנאָוו א"י, משה לימאַן און ד"ר טאַרטאַקאָווער.**

אין קאָנצערט-טייל אויסגעפיהרט דורך סאָליסטען, כאָר און אָרקעסטער פון „הזמיר", אונטער דער לייטונג פון ה' יאַבלאָן

שאַפונגען פון מענדעלסאָן, בלאָך, הענדעל, זילבערק, נאַשעז, סאַראַסאַטע א. א.

בילעטען צום פרייז פון 50 גר' ביז 2.50 צו בעקומען אין ביוראָ פון קק"ל (פּיעטריקאָווער 29) און אין טאָג פון דער אַקאַדעמיע בײַ דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

**א מעכאַנישע וועבעריי**

(אין אָנגענעם פּריק-גענד) אין צענטרום פון שטאָט, וועלכע בעשטעהט פון 60 ענגלישע שטולן און קאָריר, ווי בעשפּיה"ג דמט אן אויף קליין אַרבייט. אָפערטע אין „פאָלקסבלאַט" אונטער „לוין אַרבייט". 79

**שרייבען שיין און שנעל**

לערנט אויס דער בערימטער קאַליגראַף

**ל. בערמאַן** אין 15 לעקציעס,

אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען א יידישען בריף אין 15 טעג, אפילו דעם וואָס קען גאָר נישט. — די עלטער שפּילט קיין ראָלע נישט. זאַוואַדזקאַ 19, 1. פּ. פראָנט.

איך בעטייליג זיך אין דיין צער ה' יודעל נאַמבערג צוליב דעם טויט פון טייט

**מוטער**

זייט געטרייסט!

**ראָזענבלום.**

**בערטא טאַפּעלזאָן**

(דאַנציג)

**אַלעקסאַנדער צעלמייסטער**

(פּאַריז)

**פערלאָבט.**

פּאַריז, דעצעמבער 1931.

